**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע אָנליין הילפס-מיטל צענטער פאר ניו יארק׳ס ווייטערדיגע פארברייטערונג פון עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור**

***נייע וועבזייטל ווייזט וויאזוי נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם פינאנצירונג קען געניצט ווערן לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***וועבזייטל אנקעטע וועט העלפן דער סטעיט׳ס דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אנטוויקלען ניו יארק׳ס נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פלאן***

***נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם פינאנצירונג שטיצט שנעלע טשאַרדזשינג לענגאויס באשטימטע EV אלטערנאטיווע גאז קארידארן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן ניו יארק׳ס נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם וועבזייטל. די ניי-אויפגעשטעלטע וועבזייטל גיבט מער אינפארמאציע אויף דעם נאציאנאלן עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פינאנצירונג פראגראם, און רעכנט אריין א קורצע סורוועי צו פארזאמלען באניצער צוריקזאג כדי ארויסצוהעלפן די סטעיט אין די אנטוויקלונג פון איר נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פלאן וואס וועט פאראויס-פירן ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע. דער וועבזייטל וועט אויך ערמעגליכן פאר באזוכער זיך איינצושרייבן פאר באווארעניש אזוי ווי מער אינפארמאציע אויפ׳ן אנטוויקלונג פון דעם נאציאנאלן עלעקטרישן אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם ווערט גרייט געמאכט צו באקומען. דער נאציאנאלער עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם גיבט געאייגנטע פינאנצירונג צו סטעיטס צו שטיצן די סטראטעגישע ארויסשטעלונג פון עלעקטרישע אויטא שטאפל 3 דירעקט קורענט שנעלע טשאַרדזשינג אינפראסטרוקטור און אוועקשטעלן אן אינערליך-באהאפטענע נעטוואָרק פאר פארלעסליכע טשאַרדזשינג.

״מיר קענען נישט גענוג רעדוצירן אונזער קארבאן באניץ אן דאס פארברייטערן אונזער עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור, אבער א דאנק די באמיאונגען פון פרעזידענטביידען, סענאטאר שומער, סענאטארקע דזשיליברענד און אונזערע קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע, וועלכס האט געקעמפט פאר׳ן שאפן דעם נאציאנאלן עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם, האבן מיר נאך הילפס-מיטלען אונז צו קענען גרייכן אונזערע קלימאט צילן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פארברייטערן אונזער עלעקטרישע אויטא פעאיגקייטן איז א הויפט טייל פון מיין אדמיניסטראציע׳ס אנגייענדע באמיאונגען צו רעדוצירן די אימפאקט פון קלימאט ענדערונג לענגאויס ניו יארק סטעיט. דער נייער אָנליין מיטל וועט נישט נאר העלפן אויסשולן דעם פובליק אויפ׳ן צוקונפט פון עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשינג, אבער עס וועט אונז געבן נאך דאטא צו פלאנירן די קומענדע פאזע פון ניו יארק׳ס טראנספארטאציע עלעקטרישע טשאַרדזשינג נעטוואָרק אנטוויקלונג.״

ניו יארק׳ס נאציאנאלע אויטא אינפראסטרוקטור פלאן וועט אנטוויקלט ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אין צוזאמארבעט מיט דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט. א פובליק זיצונג אויף ניו יארק׳ס נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פלאן אנטוויקלונג וועט אויסגעמאלדן ווערן דורך NYSDOT. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא](#).

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״א סטראטעגישע פלאן פאר די אנגייענדע אנטוויקלונג פון EV אינפראסטרוקטור איז אייניג מיט דערגרייכן אן ענווייראנמענטאל אויסגעהאלטענע און פארלעסליכע טראנספארטאציע סיסטעם לענגאויס ניו יארק סטעיט. דער נאציאנאלער עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם גיבט אונז אן אויסגעצייכנטע מוסטער פאר פארזאמלען דאטא וועלכע מיר קענען ניצן אויף אונז צו לאזן וויסן וואו מיר דארפן העכערן די צאל שנעלע טשאַרדזשינג סטאנציעס לענגאויס די וועגן, כדי אז מיר זאלן קענען אינוועסטירן אין GHG רעדוקציע און בויען אונזער וועג צו א גרינערער עקאנאמיע.״

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״ניו יארקער לענגאויס דעם סטעיט קענען שפילן א וויכטיגע ראלע אין געבן ארייננזאג אויף וואו EV טשאַרדזשערס זאלן געשטעלט ווערן בשעת מיר בויען ווייטער ארויס אינפראסטרוקטור וואס מאכט עס גרינגער פאר מער ריינע אויטאס זיך ארויסצולאזן אויך די וועגן אין אונזערע קאמיוניטיס. דער נייער הילפס-מיטל וועט העלפן די פליסונג פון אינפארמאציע און צושטעלן וויכטיגע דאטא פאר אונזער נאציאנאלן עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור פראגראם צו פארזיכערן אז מיר טוען ווייטער רעדוצירן עמיסיעס און ציען זיך אריבער צו א געזונטערע, נידעריגע-קארבאן-באניץ און ריינע ענערגיע צוקונפט.״

נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור איז א פעדעראלע פינאנצירונג קוואל ניי געשאפן אונטער דער פעדעראלער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאָבס אקט וואס איז ארייינגעקומען אין געזעץ אין נאוועמבער 2021. די אנהייב באטאנונג אויפ׳ן פראגראם איז אויף גרייט מאכן פובליק צוטריטליכע דירעקט קורענט שנעלע טשאַרדזשינג פאר פאסאזשיר EV אויטאס אין צווישנשיידן פון נישט מער ווי 50 מייל אפגעטיילט אינערהאלב 1 רייזע מייל פון די באשטימטע קארידארן, מיט א דגוש אויף לאקאציעס נעבן אינטערסטעיט הייוועי עקזיטס.

ניו יארק ערווארטעט צו באקומען 175 מיליאן דאלער איבער 5 יאר. בעפאר די פינאנצירונג קען אויסגעגעבן ווערן דארף דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע אריינגעבן א נאציאנאלע עלעקטרישע אויטא אינפראסטרוקטור ארויסשטעלונג פלאן וואס ערקלערט וויאזוי די פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן דורך די געמיינזאמע אפיס פון ענערגיע און טראנספארטאציע ביז אוגוסט 1.

אין אנהייב 2022, האט גאווערנער קעטי האוקול [געמאלדן](#) אז איבער 12 מיליאן דאלער איז צוגעלייגט געווארן צו דעם ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט פראגראם צו העלפן קאנסומערס זיך שפארן ביז 2,000 דאלער ביים איינקויפן אן עלעקטרישער אויטא און 2.7 מיליאן דאלער אויסגעטיילט צו ארטיגע רעגירונגען צו קויפן עלעקטרישע אויטאס און אינסטאלירן זערא-עמיסיע טשארדזשינג / באקרעפטיגונג סטאנציעס פאר פובליק באניץ צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג און בויען געזונטערע קאמיוניטיס. די סך הכל סומע פון דער קאנסומער ריבעיט פראגראם אינאיינעם מיט די גרענטס אויסגעטיילט צו 49 קאמיוניטי-באזירטע פראיעקטן קומען צו 14.7 מיליאן דאלער אויף צו פאראויס-פירן די סטעיט׳ס באמיאונגען צו דערגרייכן ניו יארק׳ס אמביציעזע קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418